**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/5/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מאכט באקאנט פילצאליגע אומזיסטע רעסורסן צו פארבינדן ניו יארקער דזשאב זוכער מיט קאריערעס וואס זיי זוכן און ציען דעם סטעיט׳ס ארבעטסקראפט פאראויס**

***ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט ארבעט פרא-אקטיוו צו פארבינדן ארבעטסגעבער און ניו יארקערס מיט דזשאבס***

***NYS האט אויסגעטיילט באלד 100 ביליאן דאלער אין אנעמפלוימענט אינשורענס זינט אנהייב דער קאוויד-19 פאנדעמיע***

***בשעת ניו יארקערס קערן זיך צוריק צו דער ארבעטס שטייט ניו יארק סטעיט גרייט צו העלפן זייער ערפאלג***

***פעדעראלע אנעמפלוימענט בענעפיטן גייען אויס, און DOL איבער 200,000 דזשאבס און אומזיסטע סערוויסעס צו העלפן פארבינדן ניו יארקערס מיט ארבעט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט באקאנט געמאכט פילצאליגע סטעיט רעסורסן צו העלפן פארבינדן ניו יארקערס מיט דזשאבס בשעת זיי קערן זיך צוריק צו דער ארבעטסקראפט אדער עקספלארירן נייע קאריערע וועגן. דער ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט זעצט פאר ווייטער צו פרא-אקטיוו פארבינדן ארבעטסלאזע ניו יארקערס מיט דזשאבס דורך רעקרוטמענט, פעאיגקייטן-צוזאמפאָרן, מארקעטינג, קאמיוניטי אוטריטש, און אנדערע אנגייענדע באמיאונגען אלס טייל פון ניו יארק סטעיט׳ס עקאנאמישע ערהוילונג פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע.

"ניו יארקערס זענען אויסגעשטאנען אומגלויבליכע עקאנאמישע שוועריגקייטן נישט זיך פארצושטעלן אנגעברענגט דורך קאוויד-19, און מיר האבן געארבעט שווער עס זאל אנקומען צו ארבעטסלאזע ניו יארקערס זייערע געלטער — געבנדיג באלד 100 ביליאן דאלער אין בענעפיטן צו מער ווי 4.7 מיליאן מענטשן זינט דער אנהייב פון דער פאנדעמיע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר נאוויגירן דער פאנדעמיע און ציען אונזער סטעיט פאראויס ווילן מיר העלפן פארבינדן יעדע דזשאב זוכער אין ניו יארק מיט די ריכטיגע דזשאב געלעגנהייט. איך דערמוטיג סיי ביזנעסער וועלכע נויטיגן זיך אין ארבעטער און סיי ניו יארקערס וועלכע נויטיגן זיך אין א דזשאב אויסצוניצן דער געלעגנהייט פון די וויכטיגע רעסורסן."

DOL טוט אנבאטן אומזיסטע רעסורסן ארויסצוהעלפן ניו יארקערס מיט קאריערע עקספלאראציע, אריינגערעכנט: [׳דזשאב-זאון׳](), [רעזומעי הילף](), [אינטערוויו עצות](), און פיל מער. דזשאב זוכער אין יעדע ראיאן פון דער סטעיט קענען אויך לערנען וועגן ווירטועלע קאריערע פעירס, וואורקשאפס, און לעקציעס דורך באזוכן DOL׳ס [קאריערע לוח](). דער דעפארטמענט האט זיך אויך אנגעשלאסן מיט אנדערע סטעיט אגענטורן ווי צום ביישפיל דער ׳דעפארטמענט אוו טראנספארטעישען׳ אויפצונעמען ווירטועלע רעקרוטמענט פארקומענישן און ארויסהייבן און רעקרוטירן פאר געלעגנהייטן אינערהאלב ניו יארק סטעיט רעגירונג.

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמישענער ראבערטא רירדאן,** "פארבינדן ארבעטסלאזע ניו יארקערס מיט דזשאבס וועלכע זענען איצט פארהאן, און אין דער זעלבער צייט פילן א נויט פאר די ביזנעסער וועלכע נויטיגן זיך אין באלדיגע ארבעטער וועלכע זענען קריטיש אויף ווידער אויפצולעבן אונזער עקאנאמיע און אונזער סטעיט. געפונען נייע און אינאווירנדע וועגן צו פארבינדן דזשאב זוכער מיט די דזשאבס זיי ווילן, און ביזנעסער מיט די פעאיגע ארבעטער אין וועלכע זיי נויטיגן זיך, איז דער בעסטער וועג צו פארשטערקערן אונזער ארבעטסקראפט און צוריקבויען אונזער עקאנאמיע אויף שטערקער און בעסער ווי סיי ווען."

DOL זעצט פאר ווייטער אויפצודעקן מער ווירטועלע רעסורסן אריינגערעכנט א ווירטועלע קאריערע צענטער וואו ניו יארקערס קענען ארבעטן דירעקט מיט DOL קאריערע צענטער פראפעסיאנעלן ווירטועליש זיי ארויסצוהעלפן אין זייער דזשאב זוכן אקטיוויטעטן.

ניו יארקערס וואס ארבעטן נישט און זוכן זיך מער אויסשולן אדער עקספלארירן אנדערע קאריערע וועגן וועלכע קענען אויך העכערן און פארברייטערן זייערע פעאיגקייטן דורך דער סטעיט׳ס אנליין לערן פלאטפארמע אין שותפות מיט קורסערא, און אויסניצן דער סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק׳ס ׳סוּני פוּר אָלל׳ אומזיסטע אנליין טרענירונג צענטער.

אין צוגאב האט DOL אונטערגעהויבן איר מיטגעטיילטע ארבעט פראגראם, וועלכס ערמעגליכט פאר ארבעטסגעבער צו פארמיידן אפזאגונגען דורך ערלויבן פאר שטאב מיטגלידער צו באקומען טיילווייזע אנעמפלוימענט אינשורענס בענעפיטן און אין דער זעלבער צייט ארבעטן רעדוצירטע שעה׳ן. דער פראגראם, וועלכס איז שוין איינגעפירט זינט 1986, איז געווארן א העכסט-נויטיגע לעבנס-מיטל פאר ביזנעסער לענגאויס דעם סטעיט אין דער צייט וואס זיי האבן געמאכט צייטווייליגע שטאב רעדוקציעס אין ענטפער צו דער קאוויד-19 קריזיס. DOL האט רעדוצירט פארלאנגטע פאפירווערק און פארבעסערט דעם פלאן באוויליגונג און באשטעטיגונג פראצעסן, און דורכדעם ערמעגליכט דער טיילווייזע ארבעט פראגראם צו באהאנדלען א צען-פאכיגער העכערונג אין די צאל פלענער אין 2020 — העלפנדיג דערמיט מער ווי 60,000 ניו יארקערס בלייבן ביי דער ארבעט אין לויף פון דער פאנדעמיע.

DOL האט אויך דורכגעפירט געצילטע אויסזוך באמיאונגען און איינגעפירט נייע טעכנאלאגיע עס צו מאכן גרינגער פאר ארבעטסגעבער זיך אויסצולערנען און אנטיילנעמען אין דעם דזשאב-רעטונג פראגראם. אלס טייל פון דער באמיאונג זעצט פאר ווייטער דער DOL פארצושטעלן א סעריע וועבינארן פאר ביזנעסער ניצנדיג טייל-צייטיגע ארבעט און מיטגעטיילטע ארבעט אלס ערהוילונג מיטלען. די וועבינארן זענען מארקעטירט דורך ׳טשעימבער אוו קאמערס׳, ביזנעס גרופעס, סאושעל מעדיע, און דירעקט צו ביזנעסער.

DOL האט אויך איינגעפירט עמערדזשענסי מאסנאמען צו ענדערן איר טיילווייזע אנעמפלוימענט אינשורענס סיסטעם, וועלכס באזירט איצט אנעמפלוימענט אינשורענס בענעפיטן אויף די צאל שעה׳ן אקטועל געארבעט איבער׳ן לויף פון א וואך, אנשטאט די צאל טעג געארבעט. אונטער דער נייער סיסטעם קענען ארבעטסלאזע ניו יארקערס זיך צוריקקערן צו די ארבעט אויף א טייל-צייטיגער אופן אן דער ריזיקע פון פארלירן זייערע UI בענעפיטן.

מענטשן קענען ארבעטן ביז זיבן טעג א וואך אן פארלירן פול אנעמפלוימענט בענעפיטן פאר יענע וואך אויב זיי ארבעטן 30 שעה׳ן אדער ווייניגער און פארדינען 504 דאלער אדער ווייניגער אין בעפאר-שטייער איינקונפט, אויסער פארדינסטן פון זעלבסט-באשעפטיגונג.

DOL ארבעט אויך מיט ביזנעסער צו אנטוויקלען סטראטעגיעס אויסצוניצן די מעלות וואס זיי קענען האבן דורך אויפנעמען טייל-צייטיגע ארבעטער אין דער צייט וואס זיי בויען זיך צוריק נאך דער פאנדעמיע. DOL האט אויפגעשטעלט א וועבזייטל מיט אינפארמאציע און רעסורסן פאר דזשאב זוכער און ביזנעסער וועגן טייל-צייטיגע ארבעט. דער בלאט פארבינדט דזשאב זוכער צו א דזשאב באורד מיט באלד 20,000 טייל-צייטיגע דזשאבס פארהאן היינט לענגאויס דעם סטעיט. דא קענען ביזנעסער ליסט׳ען זייערע עפענונגען און דזשאב זוכער קענען אויסזוכן טייל-צייטיגע ארבעט לויט לאקאציע, קאמפאני, דזשאב טייטל, און זוכן לויט א קי-ווארט.

טייל-צייטיגע ארבעט איז א קריטישע טייל פון ניו יארק סטעיט׳ס עקאנאמישע ערהוילונג און שטעלט צו נאך געלעגנהייטן פאר דזשאב זוכער ווי:

- זיי העלפן זיך אומקערן צו א פריערדיגע קאריערע וועלכס וועט מעגליך נאכנישט האבן קיין פול-צייטיגע פאסטנס;
- זיי ערמעגליכן אויספרובירן א נייע קאריערע אדער אנדערע פאסטן;
- ארבעטן אין דער זעלבער צייט פון זיך אויסלערנען נייע פעאיגקייטן;
- אויפצועפענען דעם טיר צו פאטענציעלע פול-צייטיגע ארבעט;
- בויען א נייע קאמיוניטי פאר שטיצע און דזשאב נעטווארקינג; און
- פארבעסערן זעלבסט-שעצונג

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסשרייבן